**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/19/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט אז צאמווארפן ארבעט וועט זיך אנהויבן אויף סענטרעל ווערהאויז אין אלבעני**

***צאמווארפונג רעכנט אריין 11.6 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג דורך 'פארעכט ניו יארק' און די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל צו מוטיגן קאמיוניטי אנטוויקלונג***

***פראיעקט געבט צו צו גאווערנאר האקול'ס 400 מיליאן דאלאר 'שטיצן אלבעני'ס פאטענציאל" איניציאטיוו אויפצולעבן אלבעני'ס דאונטאון צענטער***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן די אנהויב פון די ארבעט צאמצואווארפן די סענטרעל ווערהאויז (Central Warehouse) אין אלבעני. פאר צענדליגע יארן, איז די סענטרעל ווערהאויז בנין געשטאנען אין אויג און דערביי אפגעשראקן אינוועסטירונגען און עקאנאמישע וואוקס פאר די קאמיוניטי. גאווערנאר Hochul (האקול) טוט צו דער זאך און טוט צושטעלן 11.6 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג אראפצואווארפן אלבעני'ס מיאוס'טע סימבאל. די פינאנצירונג פאר די פראיעקט איז רעקאמענדירט געווארן דורך די קאפיטאל ראיאן עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל (Capital Region Economic Development Council) צו מוטיגן קאמיוניטי אנטוויקלונג און געגנט וואוקס דורך וועקנעמען מיאוס'ע געביידעס. די פראיעקט געבט צו צו גאווערנאר Hochul's (האקול) שטיצן אלבעני'ס פאטענציאל (Championing Albany's Potential, CAP) איניציאטיוו, א 400 מיליאן דאלאר סטעיט אינוועסטירונג צו אויפלעבן אלבעני'ס דאונטאון צענטער.

"ארויס מיט די אלטע און אריין מיט די נייע — די סענטרעל ווערהאויז איז געווען עפעס וואס איז געשטאנען אין אויג פאר אונזער סטעיט'ס קאפיטאל ראיאן, און היינט, טוען מיר ענדליך נעמען די נויטיגע שריט צו טוהן עפעס דערוועגן," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "די אראפווארפונג פון די סענטרעל ווערהאויז וועט נישט נאר פטור ווערן פון מיאוס'ע, אומבאניצטע ערטער, נאר עס וועט ערמעגליכן נייע געלעגנהייטן צו שטיצן די קאמיוניטי און דערהייבן קאמיוניטי וואוקס."

**אלבעני קאונטי עקזעקיוטיוו Daniel P. McCoy (דעניעל פ. מעקאוי) האט געזאגט,** "א דאנק פאר גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר שטאנדהאפטיגע שטיצע פון די באמיאונג, צולייגנדיג מער ווי 11.6 מיליאן דאלאר צו אונזער קאונטי ARPA פאנד אינוועסטירונג פון 3 מיליאן דאלאר צו פארענדיגן דעם פראיעקט. די סענטרעל ווערהאויז איז געווען דאס וואס איז די מערסטע געשטאנען אין אויג פאר אפסטעיט ניו יארק פאר צענדליגע יארן און איז געווארן א סימבאל פון עקאנאמישע שוועריקייט אנשטאט וואוקס. איר צאמווארפונג וועט אפצייכענען א נייע קאפיטל פאר אונזער קאמיוניטי און דינט אלס א מאכטפולע דערמאנונג אז טויש קען פאסירן, אפילו אויב עס נעמט יארן פון פראבירן. יעצט, וועלן מיר אנהויבן דעם פראצעדור פון זיך פארשטעלן וואס וועט ווייטער פאסירן."

די סענטרעל ווערהאויז, וואס געפונט זיך און איז שטארק אנזעהבאר לענגאויס דעם I-787 בייס ארייגאנג צו דאונטאון אלבעני, איז א מיאוס'ע 11-שטאקיגע געביידע וועמנס צושטאנד האט זיך צוביסלעך פארערגערט פאר די אויגן פון די גאנצע קאפיטאל ראיאן אין די לעצטע צענדליגע יארן. טראצט וואס באדייטנדע פרואוון זענען שוין געמאכט געווארן צו פארעכטן דעם געביידע, איז עס קלאר געווארן אז די איינציגסטע מעגליכע אפציע איז דאס צאמצוואווארפן.

די פראיעקט פלאן נעמט אריין א זעקס-מאנאטן פאזע פון אוועקנעמען אסבעסטאס, וואס וועט גלייך נאכגעפאלגט ווערן מיט א צאמווארפונג פאזע. עס וועט שאפן אומגעפער 90,000 טאן פון ריינע קאנקריט, וואס וועט אוועקגעפירט ווערן פונעם שטח צו איבערגעניצט/ריסייקלד ווערן, פארמיידנדיג די שמוץ פון אנקומען צו די לענדפיל. אין צוגאב צו אוועקנעמען א שטארק-זעהבארע, פארפעסטיגטע און מיאוסע געביידע, וועט די פראיעקט שאפן און 1.1 עיקער שטח גרייט פאר אינוועסטירונג אין א וואקסנדע געגנט אין די סיטי פון אלבעני.

**שטיצן אלבעני'ס פאטענציאל**
גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פינאנציעלע יאר 2026 בודשעט האט געגרינדעט די 'שטיצן אלבעני'ס פאטענציאל" איניציאטיוו, אן איבער 400 מיליאן דאלאר, צוזאמענארבעטנדע, סטעיט-אנגעפירטע באמיאונג צו אויפלעבן אלבעני'ס דאונטאון צענטער אין צוזאמענארבעט מיט די לאקאלע קאמיוניטי. דאס רעכנט אריין 200 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו פלאנירן און דורכפירן פראיעקטן צו אויפלעבן ביזנעס געגנטער, פארשטערקערן קליינע ביזנעסער, שטופן פאר האוזינג וואוקס און גיבן א נייע לעבן פאר נישט אויסגענוצטע ריעל עסטעיט און אפענע שטחים. די CAP איניציאטיוו רעכנט אויך אריין ביז 150 מיליאן דאלאר צו טראנספארמירן קולטורישע ערפארונגען אין און ארום אלבאני'ס שטאט-צענטער, ווי צום ביישפיל די סטעיט מוזעאום (State Museum), ביז 40 מיליאן דאלאר צו פאראויס שטופן פלענער צו פונדאסנייי פארבינדן קאמיוניטיס וואס זענען אפגעטיילט געווארן דורך די Interstate 787 און 1.5 מיליאן דאלאר פאר פארשטערקערונגען צו די זיכערהייט פון די פובליקום. פריער אינעם חודש, האט גאווערנער Hochul (האקול) אנגעפאנגען די CAP איניציאטיוו’ס ערשטע דאונטאון אלבעני סטראטעגיע פובליק ווארקשאפ, וואס איז אפגעהאלטן געווארן ביי די אלבעני קאפיטאל צענטער. די ווארקשאפ האט געצויגן איבער 700 באטייליגער, אריינגערעכנט אלבעני איינוואוינער און שותפים פון ביזנעס, אקאדעמיע און רעגירונג.

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג (Empire State Development) פרעזידענט, CEO און קאמישענער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "פאר יארן, איז די סענטרעל ווערהאויז געשטאנען איבער די קאפיטאל סיטי'ס האריזאנט אין א פארנאכלעזיגטע צושטאנד, און די צאמווארפונג פון די לאנגיעריגע מיאוס'ע בנין טוט רעפרעזענטירן א נייע תקופה פאר דאונטאון אלבעני. אונטער גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, און אין צוזאמענארבעט מיט אלבעני קאונטי, טוט מען ענדליך נעמען שטייפע שריט, וועלכע וועלן שטיצן נייע געלעגנהייטן פאר אויפלעבונג און קאמיוניטי אנטוויקלונג ביי א קריטישע פוקנט אין די סיטי'ס לאנגע היסטאריע."

**סטעיט סענאטאר Patricia Fahy (פעטרישע פעיהי) האט געזאגט,** "אוועקנעמען אלבעני'ס 'גרעסטע דארן אין אויג' מיט די צאמווארפונג פון די סענטרעל ווערהאויז איז א לאנג-ערווארטערטע שריט אין די אנטוויקלונג פון דאונטאון אלבעני - און איר ערשטע שריט אין קריטישע אויפלעבונג. אין די צייט וואס מיר הייבן אן טרייבן די ווידער-אויפלעבונג פון דאונטאון אלבעני מיט גאווערנאר Hochul'ס (האקול) היסטארישע 400 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין אונזער קאפיטאל סיטי, וועט אוועקנעמען די מיאוס'ע געביידע טוישן די געזיכט פון די סיטי פון אלבעני. די אנטוויקלונג, צוזאמען מיט אנגייענדע באמיאונגען צו איבערפרישן 787, מאכן וויכטיגע אפדעיטס צו די עמפייער סטעיט פלאזא (Empire State Plaza), און מאדערניזירן די NYS מוזיאם, וועט בלויז אנהויבן ערמעגליכן דאונטאון'ס עקאנאמישע פאטענציאל. די שוין לאנג זיצנדע לאקאציע וועט יעצט זיין פריי פאר א רייע פון נייע אנטוויקלונג געלעגנהייטן -

אריינגערעכנט די פאטענציאל פון טרעפן די אריגינעלע ערשטע לאק (Lock One) אויף די אירי קאנאל וואס געפונט זיך גראד קעגנאיבער דעם גאס פון סענטרעל ווערהאויז. איך באגריס גאווערנאר Hochul (האקול) און מיינע קאלעגען אין די סיטי און קאונטי פאר'ן אנערקענען די וויכטיגקייט פון אנטוויקלען די ארט און פאר'ן דאס מאכן א טייל פון אן אלגעמיינע אינוועסטירונג אין אלבעני."

**אסעמבלי מיטגליד John T. McDonald III (דשאן פ. מעקדאנעלד דער דריטע), RPh האט געזאגט,** "שוין פאר צו לאנג, איז די סענטרעל ווערהאויז געשטאנען אלס א סימבאל פון פארנאכלעזונג אין די סיטי פון אלבעני. האבנדיג געארבעט אויף די פראיעקט פאר פילע יארן, ווייס איך איבער די עקשנות און מיטארבעט וואס עס האט גענומען צו דערגרייכן דעם מאמענט. איך בין געוועהן שטאלץ צו ווייטער שטיצן די פינאנצירונג וואס פעלט זיך אויס צו ערמעגליכן דעם היינטיגן טאג. די אראפּוואַרפונג צייכנט אפ א פרישע אנהויב און א געלעגנהייט צו גענציך איבערטווישן דעם ארט. איך דאנק גאווערנאר Hochul (האקול), עקזעקיוטיוו דירעקטאר Dan McCoy (דען מעקאוי), און מעיאר Kathy Sheehan (קעטי שעהען) פאר זייערע פירערשאפט אונז צו ברענגען צו דעם פונקט, און איך בין פריילּיך צו זעהן די פאטענציאל וואס ליגט אין דעם ארט פאר אונזער קאמיוניטי."

**אסעמבלי מיטגליד Gabriella A. Romero (געבריעלע א. ראמעראו) האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו שטיין מיט גאווערנאר Hochul (האקול) אויף די צאמוואַרפונג פון די סענטרעל ווערהאויז אין די צייט וואס מיר הויבן אן א נייע קאפיטל פאר דעם ארט. די בנין איז געווארן פארנאכלעזיגט פאר אסאך צו לאנג, און עס איז צייט אז מיר זאלן אינוועסטירן אין באדייטפולע פארבעסערונגען און ווידער-אויפבוי וואס טוט באמת בענעפיטירן די מענטשן פון אלבעני. די פראיעקטן וועלכע ווערן פארגעשלאגן פאר דעם לאקאציע טוען שטיצן די סיטי פון אלבעני'ס 2030 ברייטע פלאן (Comprehensive Plan) דורך שאפן גוט-באצאלטע דשאבס, שטיצן לאקאלע ביזנעסער, און פארזיכערן אז עקאנאמישע וואוקס טוט בענעפיטירן יעדער איינער, בעיקר ארבעטנדע פאמיליעס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן